א. ס'איז דאך ידוע דער כלל וואס מ'האט געהערט כמ"פ פון גדולי ישראל (ראה ג"כ אגה"ק סי' א), ביז צו נשיא דורינו כ"ק מו"ח אדמו"ר, אז "פותחין בברכה", אז בשעת מ'קלייבט זיך צוזאמען איז די פתיחה מיט א ענין של ברכה. כמדובר כמ"פ, אז "קוב"ה אסתכל באורייתא וברא עלמא", ובמילא פירט זיך יעדער ענין אין וועלט אזוי ווי דאס פירט זיך אין תורה, זעט מען דאך אז תורה הויבט זיך אן מיט'ן אות ב' (פון "בראשית"), וואס עס שטייט אין מדרש (ב"ר פ"א, יד) און אין זהר (הקדמת הזהר ג,א), אז דאס איז דערפאר וואס ב' איז ר"ת ברכה.

וואס וויבאלד אז תורה איז פותח בברכה, איז דאס עפענט דערנאך אויף דעם דרך. און דאס גיט אויך די הוראה, אז אין עניני עולם [וואס הורה איז דאך אויך דער "דפהראוה ופנקסאות" דורך וועלכע וועלט איז באשאפן געווארן, כדאי' במדרש (ב"ר בהחלהו)] זאל זיין "פותחין בברכה".

אין "פותחין בברכה" גופא איז דאך דא כו"כ דרגות, ובכללות - ברכת בו"ד און ברכהו של הקב"ה. וואס באמת איך ברכת בו"ד ווערט נכלל אין ברכתו של הקב"ה, וואררוס דאס וואס א בו"ד קאן עפעס טאן, עאכו"כ וואס ער קען זיין א מברך, איז דאך דאס בכוחו של הבורא, וואס ער ווערט אנגערופן מקור הברכות. איז אין ברכתו של הקב"ה גופא איז דא דער חילוק פון ברכתו של הקב"ה; און ברכה בו"ד בכוחו של מקור הברכות, פון דעם אויבערשטן.

ובפרטיות יותר, איז בברכהו של הקב"ה גופא איז אויך דא חילוקים. [ס'איז קיין חידוש ניט אז בברכתו של בו"ד איז דא חילוקים, וואררום "אין דעותיהם שוות" (ווי דער פס"ד איז), ובמילא איז אויך פארשטאנדיק אז א ברכה (וואס קומט מצד דעת וחכמה ושכל) איז אויך אינם שוות; דער חידוש איז אבער אז אפי' בברכתו של הקב"ה איז אויך דא חילוקים].

וואס לכאורה איז ניט פארשטאנדיק: דער אויבערשטער איז דאך אחדות הפשוטה? נאר מצד דערוף וואס דער אויבערשטער איז דער בורא עולמות. און וויל אז אין עולמות זאל זיך אנזען אלקות, און מ'זאל ממשיך זיין אלקות, איז לויט די התחלקות וואס דער אויבערשטער האט געוואלט אז עס זאל זיין אין עולמות כאטש אפי' זיי נעמען זיך אלע פון אחדות הפשוטה). איז א ברכה דארף דאך זיין אין אן אופן אז די כלים פון דעם מקבל הברכה זאלן דאס קאנען מחזיק זיין, בדוגמא ווי די גמרא זאגט (תענית כב,א) "השפעה עליהם (רוב) טובה אינן יכולין לעמוד" ניט דאס איז דער אמיתית ענין הברכה, נאר עס דארף זיין לפי כלי מקבל הברכה. איז דערפון פארשטאנדיק אז ס'איז דא חילוקים אויך אין ברכתו של הקב"ה, נאר די חילוקים נעמען זיך מצד המקבל.

ס'איז דאך דא כו"כ חילוקים בברכתו של הקב"ה, איז דער חילוק עיקרי איז: ס'איז דא די ברכה וואס קומט מלמעלה, וואס דער אויבערשטער איז דאך עצם הטוב, ומקור הברכות, איז "טבע הטוב להטיב" - במילא גיט ער ברכה בשופי; ס'איז אבער דא די ברכה וואס דער אויבערשטער גיט נאך דערוף וואס ס'איז דא אויף דערוף א התעוררות אדער א בקשה אדער א תפלה מלמטה.

וואס לכאורה איז דאס ניט אזא עילוי ווי די ברכה וואס קומט מצד הקב"ה בעצמו, וואס חפץ חסד הוא, איז דאך אבער מבואר אין ספרים אז וויבאלד אז דער אויבערשטער האט באשאפן א אידן, (און א מענטש בכלל) אין אן אופן וואס "אדם רוצה בקו שלו מט' קבין של חבירו" (ב"מ לח, רע"א), איז בשעת מ'גיט אים א ברכה און ער ווייס אז ער האט אין דערוף א השתתפות - עכ"פ באצבע קטנה, איז דאס האט א חלק אין המשכת הברכה, איז אעפ"י וואס דאס איז מערניט ווי איין קו לגבי די ט' קבין של חבירו, וואס "חבירו" איז דאך אויך כולל הקב"ה, ווי רש"י (שבת לא,א - ד"ה

דערך) סייטשט אפ (פון שמו"ר פי"ז.א) "רעך ורע אביך אל תעזוב" (משלי כז,י) אז דאס גייט אויפן אויבערשטן - איז אין דערויף האט ער מער הנאה פרן ס׳ קבין של חבירו. וואס דאס זאגט מען דאך ניט אלס א חסרון, נאר דאס איז דער טבע ווי דער אויבערשטער האט באשאפן דעם מענטשן.

ביז וואנענט אז כ׳איז אויך מסביר, אז דער מאדנער ענין פון עבודת האדם, [וואס "למעשה ידיך תכסוף", כמארז"ל (ע"ז ה, סע"א) עה"פ "אם בחוקותי תלכו", "אין אם אלא לשון בקשה", אז דער אויבערשטער בעט זיך אז עס זאל זיין "בחקותי תלכו" - עבודה פון א אידן], איז כדי אז דערנאך, בשעה דער אויבערשטער איז ממשיך ברכה בשופי צו יעדער אידן, און צו אלע אידן, זאל דאס אויך זיין צוזאמען מיטן "רוצה", אז ס׳זאל זיין אין דערויף דעם געפיל אז ס׳איז ניט קיין נהמא דכסופא - אן קיין השתדלות. נאר אין דערויף איז אויך דא א פעולה משלהם, און צוליב דערויף איז געווען דער גאנצער סדר ההשתלשלות ונתינת התורה, וציווי המצוה, וואס דורך דערויף קומט דער מציאות פון "מעשינו ועבודתינו" (הניא רפל"ז) בכשך שית אלפי שני דהוי עלמא.

וואס נאך דערויף ווי דער אויבערשטער גיט לפי ערך הבקשה והתפלה ועבודה של האדם, איז דעמאלט רא דער תוספות ברכה של הקב"ה, לויט זיין מדידה והמשכה, וואס דעמאלט האט מען פריער דעם "ארם רוצה בקב שלו", און דערנאך קומט "הוספתו של הקב"ה וואס איז מרובה על העיקר" (ב"ר פסא, ד. ועוד) האט ער אויך די ס׳ קבין של חבירו, און דעמאלט האט ער בשלימות די עשרה קבין.

וואס בכלל איז דאך ווי די גמרא (קידושין מט, ב) רעכנט אויס די המשכות והשפעות בעולם, טיילט זיך דאס אלץ אין עשרה, ווי ער רעכנט דארט אויס כמה ענינים וואס "עשרה קבין ירדו לעולם", האט ער דעמאלט בשלימות די אלע ברכות וואס דער אויבערשטער איז ממשיך בעולם, צוזאמען מיטן געפיל אז דאס איז "שלו", ווארום ער האט אין דערויף אויפגעטאן.

וואס דאס איז אלץ בתור הקדמה: אזוי ווי ס׳איז דאך דא כו"כ וואס האבן אויסגעדריקט איחולי לבבם הטוב מיט ברכות בקשר מיט דעם טאג (צי בע"פ, צי בכתב, צי באיזה אופן שיהי׳), כולל אויך אט די וואס מאיזה סיבה איז נתעכב בדרך און ס׳וועט אנקומען מארגן צי מחר לאחר זמן, און ס׳איז דאך ניט ביכולת ענטפערן יעדערן באזונדער(אע"פ וואס דאס איז דאך לכאורה א חוב נעים אויף אפדאנקען יעדערן באזונדער), נוצט מען אויס אט די געלעגנהייט (ווי שוין געדעט אמאל בארוכה מיט כמה פרטים בזה (ראה ג"כ לקו"ש ה"ה ע׳ 422 ואילך, ח"ז ע׳ 235 ואילך)) אויף אויסדריקן די ברכה כוללת,

און מיוסד אויף די הוראה ווי ס׳ווערט געגעבן אין ירושלמי (ברכות ספ"ח) אז טיי בשעה א איד האט געבענטשט ר׳ ייזמעאל און טיי - להבדיל - ניט קיין איד - האט ער געזאגט: כבר מילתך ארורה - מברכך ברוך,

ועד"ז ויתירה מזו בנוגע צו א אידן (ראה לקו"ש ח"ה ע׳ 426 הערה 3), בשעת א איד בענטשט אן אייניקל אדער א זון פון אברהם אבינו (אדער - ווי דער פסוק רעט זיך - אברהם׳ן אליין) איז דעמאלט: "ואברכה מברכיך" - אז דער אויבערשטער אליין בענטשט אים,

וכדאיתא במדרש בכ"מ (ב"ר פס"א, ד. ולקו"ש ח" רמז קט. (ובדב"ר פ"א, יג - בשינוי קצה)) אז ברכתו של הקב"ה איז בתוספת מרובה על העיקר וואס לכאורה, ווי רופט מען דאס אן בשם "עיקר" בשעת די תוספת איז מרובה? איז אעפ"כ מצד דעם ענין פון "אדם רוצה בקו שלו" קומט עס מדה

כנגד מרה; און דערנאך קומט (כנ"ל) די ט׳ קבין של חבירו, דער תוספות מרובה על העיקר, ברכתו של הקב"ה.

ויה"ר אז יעדערער און יעדערע און כולם ביחד, און איך אויך בכללם, זאלן געבענטשט ווערן בברכתו של הקב"ה, דער עיקר הברכה ותוספות הברכה, ולמטה מעשרה טפחים בטוב הנראה והנגלה סיי בגשמיות סיי ברוחניות, סיי בענינים הפרטים סיי בענינים הכללים, און גרייטן זיך צו דעם חגה"פ כשר ושמח (וואס דאס איז דאך די שבוע שחל בו חגה"פ, ווי די קביעות פון ש.ז.), און זוכה זיין אין דעם יאר זאל זיין דער "ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים",

זאל דאס אויך כולל זיין די הכנה און גרייטן זיך לקבל פני מ"צ, וואס יבנה מקדש במקומו ויקבץ נדחי ישראל, (ווי דער פס"ד אין יד החזקה אין סיום פון הלכות מלכים), און דאדט וועט מען מקריב זיין זבחים און פסחים, און מ׳וועט זוכה זיין "לאכול שם" - א נשמה בגוף, וואס דעמאלט קאן מען מקיים זיין די מצוה כהלכתה, ווארום(דער ענין המצות) איז "לא בשמים היא" נאר דאס דארף זיין א נשמה בגוף דוקא,

און ביז דעמאלט זאל אויך זיין די הכנות ביז ימי הפסח מתוך שמחה ובטוב לבב, ווארום מ׳געפינט זיך שוין אין חודש הגאולה - חודש ניסן, וואס "בניסן נגאלו בניסן עתידים ליגאל" (ר"ה י"א, רע"א), ובפרט נאך אז דאס איז דער שבוע שחל בו ימים הראשונים דחגה"פ, דער יום שבו יצאו ישראל ממצרים, זאל דאס זיין אין אן אופן פון "בנערינו ובזקינינו נלך בבנינו ובבנותינו" ביז "לא תשאר פרסה", לקבל פני משיח צדקינו ובעגלא דידן.

ב. בהמשך להמדובר לעיל וועגן ברכתו של הקב"ה, וואס דאס קומט אלס א שכר נאך דערויף ווי ס׳איז דא דער "קב שלו" (בדוגמא ווי "אברכה מברכך" - אז א איד בענטשט א צווייטן אידן), איז דעמאלט קומט דער שכר מהקב"ה אין אן אופן פון עיקר ותוספות מרובה על העיקר,

שטייט אין מדרש (ב"ר (פס"ו,ג) און אויך געבראכט אין ילקו"ש על אתר) עה"פ "ואלקים מלכי מקדם פועל ישועות בקרב הארץ" (תהילים עד,יב)), אז דער אויבערשטער ווערט אנגערופן בשם "פועל" (פון לשון ארבעטער) כביכול, אז ער איז "פועלא <u>טבא</u>" - א גוטער ארבעטער.

און איז מבאר אז אזוי בשעת ס׳איז דא א פעולה און מ׳דארף רערפאר באצאלן, איז דאך דער סדר אז דער שכר קומט <u>לאחרי</u> הפעולה; משא"כ דער אויבערשטער איז "מלכי <u>מקדם</u>", ער גרייט צו דעם שכר נאך "מקדם" - נאך איידער ס׳איז בעטאן געווארן די פעולה למטה בארץ, פאר וועלכער דער שכר קומט אן.

וואס דער מדרש ברייננגט עס אראפ עה"פ "ויטע ה"א גן בעדן <u>מקדם</u>" (בראשית ב,ח), וואס דער "גן בעדן" איז דאך אויך דער ענין פון מתן שכרו של אדה"ר און פון אלע אידן אחריו, שטייט אויף דערויף אויך "מקדם", און דער מדרש פארבינדט דאס מיט "ואלקים מלכי מקדם". און זאגט "אתה סבור" אז "גן בעדן <u>מקדם</u>" מיינט דאס "קודם לברייתו של עולם", זאגט ער ניין, נאר דאס מיינט "קודם לברייתו של אדה"ר" וואס נברא בשישי, און "ויטע ה"א גן גו׳" איז געווען בשלישי (ווען ס׳איז געווען דער "תדשא הארץ דשא"). - <u>פאר</u> ("מקדם") יום השישי.

וואס לכאורה וואס איז דא אזוי דער אויפטו, וואס מ׳זאגט אז "מקדם" איז אזא ענין נעלה, ביז וואנעט אז מ׳זאגט אויפ׳ן אויבערשטן אז ער איז

<u>הנחה הת׳ בלתי מוגה</u> - פועלא -

"פועלא טבא" וואס ער גרייט צו דעם שכר "מקדם"? לכאורה איז דאס א חידוש נאר ביי א בו"ד, אז הגם ער איז ניט קיין יודע עתידות, פארלאזט ער זיך אז מן הסתם איז חזקה פועל עושה פעולתו, און ער גרייט שוין צו דעם שכר נאך קודם עשיית הפעולה, באווייזט דאס אויף די גוטסקייט פון דעם נותן השכר, ווארום ער איז דאך ניט זיכער ווי עס וועט זיין לעתיד, ואעפ"כ לייגט ער שוין ארייַן טרחה אויף צוגרייטן דעם שכר. אבער ביי דעם אויבערשטן וואס ער איז יודע עהידוה, און עבר הוה ועתיד איז ביי אים אלץ אין איין נקודה (ביז וואנענט אז במחשבה א׳ איז ער סוקר בסקירה אחת דעם גאנצן סדר ההשתלשלות, און גאנצן סדר הזמנים), איז וואס איז דער חידוש און די גוטסקייט, אז ער האט צוגעגרייט דעם שכר? דער אויבערשטער זעט דאך שוין <u>גלייך</u> דאס פארוואס מ׳וועט דערנאך דארפ׳ן געבען דעם שכר?

איז דאך דערפון פארשטאנדיק, אז אויך דער שכר ווערט צוגעגרייט "מקדם" איז דאס אן אנדער <u>סארט</u> שכר. וואס דער ביאור בזה איז פארשטאנדיק ע"פ ביאור הצ"צ (וואס די הילולא שלו איז מארגן אין אוונט י"ג ניסן), וואס ער טייטשט אפ (אוה"ת במדבר ע׳ קא. דברים ע׳ תרלט, התצ) דאס וואס מ׳זאגט "מראש מקדם נסוכה". אז פריער איז דא די מעלה אז זי נעמט זיך "מראש"; און דערנאך זאגט מען א גרעסערע מעלה, אז ניט נאר "מראש" נאר אפי׳ "מקדם", וואס דערפון ברייננגט ער די ראי׳ אז קדם איז נאך העכער פון ראש.

וואס דער ענין פון ראש איז דאך אן אנהויב פון א זאך, וואס דאס איז דאך א <u>טייל</u> פון דער זאך, ובדוגמא ווי דער ראש כפשוטו: דער קאפ איז טאקע דער העכסטער און טייעסטער און איידלסטער טייל פון גוף, אבער אעפ"כ איז דאס א <u>חלק</u> פון גוף; בשעת מ׳זאגט "מקדם" איז דאס "ומקדם אשר לא נעשו" (ישעי׳ מו, יו"ד), ס׳איז נאך איידער ס׳איז דא דער גאנצער מציאות הגוף.

וואס דערמיט איז אויך פארשטאנדיק בנדו"ד: ס׳קאן דאך זיין שכר אין אן אופן טאקע אז ס׳איז דא דער עיקר און תוספות מרובה על העיקר, אבער דאס קאן אלץ דערגרייכן נאר ביז אין ראש, ד.ה. אז ס׳איז טאקע העכער און בעסער און טייערער און איידעלער און גרעסער, (ביז ווי גערעדט פריער "ס׳ קבין"), אבער דאס דערגרייכט מערניט ווי אין ראש פון מקור הברכות, פון דעם סדר ההשתלשלות פון המשכת הברכות. וואס דעמאלט ווייס מען טאקע אז ס׳איז דא דער עיקר ותוספות מרובה על העיקר, אבער דאס איז בערך, ברוגמא ווי דער ראש איז בערך כל אברי הגוף, אפי׳ פון דעם רגל;

בשעת ס׳איז אבער דא א זאך וואס ווערט אנגערופן "ומקדם אשר לא נעשו", און ווי עס שטייט אויף דערויף די דוגמא פון א כתר ועטרה וואס ווערט אנגעטאן <u>על</u> הראש, איז דאס א דבר נבדל און שלא בערך פון דעם גאנצן גוף, אפי׳ פון דעם ראש.

און דאס איז דא דער ביאור: דא איז ניט דער חידוש וואס דער אויבערשטער האט צוגעגרייט דעם שכר מיט א זמן פריער (ווי מ׳לערנט בפשטות, אז בשלישי איז שוין געווען צוגעגרייט דער "גן בעדן" כאטש אפי׳ דער אדם איז ערשט נברא געווארן בששי), ווארום בשלישי ווייס ער אז בששי וועט זיין אדה"ר, און עס וועט זיין "וינחהו בג"ע לעבדה",

נאר דער אויפטו איז, אז דאס וואס ס׳איז געווען ביום שלישי איז געווען אין א סדר זמנים וואס ווערט אנגערופן "מקדם", דאס איז ניט נאר וואס ס׳איז מיט דריי טעג, פריער, נאר דאס איז "מקדם" – למעלה פון דעם גאנצן סדר פון עבודת האדם.

- וואס -

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

וואס דאס איז ווי ער זאגט אויך אין תניא (אגה"ק סי' ח) אז לכאו' וואלט געפאסט אז מצד מעשה המצות זאל זיין א שכר טאקע במדהו של הקב"ה שהיא מרובה כמ"פ ככה, ביז ווי חז"ל (תוספתא סוטה פ"ד,א. הובא בתוס' ד"ה מרים - סוטה יא,א) זאגן - ה' מאות פעמים, אבער דאס איז נאך אלץ בערך, נאר דאס איז פינף הונדערט מאל אזוי פיל, און דא זאגט מען אז דאס איז "פועלא טבא", דא איז ניט א חילוק אין כמות, נאר אין איכות- .

און דערפאר זאגט מען דאס ניט אז דער שכר איז צוגעגרייט געווארן "מראש" - נאך איידער ס'איז געווען די פעולה, נאר ס'איז צוגעגרייט געווארן "מקדם", אז דער שכר איז שלא בערך באיכות פון ווי דאס איז שלא בערך בכמות.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק אויך בכמוה, אז הגם דאס איז ת"ק פעמים ככה, איז דאס ניט אין די זעלבע כמות, נאר ס'איז אינגאנצן אין אן אנדער אופן. וואס דעפאר איז בשעת א איד גיט א פרוטה לצדקה, וואס שקולה צדקה כנגד כל המצות (ב"ב ט,סע"א) כולם פארבינדט דאס דער אויבערשטער מיט "נפשו של עני היתה מפרנסת...והחיית אותו" (הנהוכא כספמים ט"ו) און דערפאר גיט ער דעם נותן הצדקה ניט נאר חמש מאות פרוטות, נאר חייו וחיי נפשות ב"ב,

און ניט נאר חיים גשמיים (וואס דעמאלט איז דאך עכ"פ בערך (און "מראש" פון "נפשו של עני...והחיית אותו")), נאר ער גיט אים אויך חיים רוחניים, וכידוע דער סיפור פון בעל ההילולא פון צ"צ, אז דורך דערויף וואס ער האט געגעבן צדקה (אין אן אופן של גמ"ח) לפני התפלה, איז ניט נאר ווי ס'איז בכלל סגולת הצדקה "אני בצדק אחזה פניך" (ההילים יז, טו) אז דורך א נתינת פרוטה גשמית זעט מען רוחניות - "אחזה פניך", (ב"ב יו"ד,א) נאר ווי דער סיפור (וואס דאס איז דאך אונז דערציילט געווארן איז א סימן אז ס'האט עפעס א שייכות צו אונזער עבודה), אז דורך דערויף ווערט צו אים נתגלה א נשמה פון א נשיא, ביז למטה - וואס ער זעט דאס, און זעט עס אין אן אופן אז ער קאן מיט אים ריידן אין לערנען, און פארענטפערן כמה ענינים - וואס דאס קאנען מער ניט ווי נשמות וואס זיינען געווען אין גופים, אדער נשמות אין גופים. וכידוע הסיפור מיטן צ"צ וואס ס'איז שוין געדרוקט (ס' השיחות קיץ ה'ת"ש ע' 98), מיט אלע פרטי הסיפור באריכות הדברים.

וואס דאס איז דער כללות הענין וואס מ'זאגט אז וויבאלד אז מ'דארף האבן "פועל ישועות בקרב הארץ", אז בשעת מ'געפינט זיך אין ארץ, ווי דער אלטער רבי טייטשט אפ "ארץ" - עניני ארץ, ענינים גשמיים, און "בקרב הארץ", אין מיטן פון ארציות, און מען דארף פועל'ן אז דארט זאל זיין "ישועות", איז ניט געבוג אז דאס זאל זיך נעמען "מראש", ווארום דאש איז נאך אלץ פארבונדן מיט'ן גאנצן סדר, איז במילא קאן פון רוחניות נמשך ווערן רוחניות; אבער ניט גשמיות, ווארום גשמיות פון רוחניות איז א זאך מערניט ווי בחיק הבורא. עאכו"כ אז עס זאל נמשך ווערן סיי רוחניות סיי גשמיות אין אן אופן "ישועות", איז אויף דערויף דארף מען האבן דעם "ואלקים מלכי מקדם" דוקא, וואס דאס איז העכער פון גאנץ סדר השתלשלות, און דערפאר איז ער "פועל ישועות בקרב הארץ".

וואס דאס דארף מען דאך האבן במיוחד במצבנו זה, וואס מ'געפינט זיך אין א חשך כפול ומכופל, און מ'זעט בעיני בשר ווי אזוי "חסד לאומינ חטאת", מ'זעט אז ס'איז א "כבש א'" און עס שטייען ארום "שבעים", וואס פון די שבעים האט מען גערעכנט אז א טייל זיינען אוהבים, און כבשים, און א טייל זיינען זאבים, און איצטער זעט מען אז "חסד לאומים חטאת", און קיינער דינגט זיך שוין ניט אין דעם, און אעפ"כ רעדט מען זונטאג

באנאכט אז ס׳קאן זיין אז דעם פסח זאל מען פראוועז זבחים ופסחים אין ביהמ"ק השלישי שיבנה ע"י מ"צ, הגם אז ס׳איז געבליבן קארגע פיר מעת לעת, ווארום דעם פסח דארף מען דאך קוילן בי"ד ניסן, און איצטער האלט מען שוין באור לי"ב ניסן,

איז אויף דערויף זאגט מען, אז וויבאלד אז ס׳נעמט זיך "מקדם", נאר מ׳דארף נאך עפעס אויפטאן, עס דארף נאך זיין עפעס א פעולה דא למטה, ווארום אז ניט וואלט משיח היינט געקומען, ווי די גמ׳ זאגט - (א ענין אין נגלה) "היום אם בקולו תשמעו", אז אויב ס׳וואלט געווען דער "בקולו תשמעו" בשלימות וואלט משיח געקומען "היום", און וויבאלד אז היום איז ער נאך ניט געקומען, איז א סימן אז מ׳דארף נאך אויפטאן פעולוה, אין דעם "בקולו תשמעו",

זאגט מען אז דער אויבערשטער גרייט צו דעם שכר "מקדם", אז גלייך ווי ס׳וועט זיך אויפגעטאן דעם "בקולו תשמעו" ווערט דער ענין פון "פועל ישועות", און "בקרב" - אין דעם מיטל און אין דעם מיטן, בשעה מ׳האט נאך און מ׳זעט דעם ארץ און ארציוה אין גשמיות, און נאך נידעריקער דערפון, און אעפ"כ קאן ער פועל זיין ישועות, די פעולה מצד הקב"ה כנגד מעשנו ועבודתנו פון פעולות בנ"י דא למטה.

און ס׳איז ניטא די שאלה, ווי אזוי וועט מען מקריב זיין דעם קרבן פסח, מ׳דארף דאך האבן די הזי׳ ג׳ וז׳ וכו׳, ווארום בשעת דאס איז פארבונדן מיט רוב הציבור קוקט מען ניט צי ס׳איז געווען הזי׳ צי ניט, מ׳דארף גאר קיין הזי׳ ניט האבן, ווי די גמ׳ פסק׳נט אפ אין פסחים (סז, א) אז אפי׳ אויך רוב הציבור געפינט זיך אין וועלכן מצב ס׳זאל ניט זיין, איז מען מקריב דעם קרבן פסח, פסח ראשון, בי"ד ניסן און דערנאך עסט מען מן הזבחים ומן הפסחים בליל ט"ו ניסן - אוד ליום ט"ו ניסן.

און דער ביאור אויף דערויף איז - ס׳איז דאך לכאורה מן הקצה אל הקצה, וואס ידע אינש בנפשי׳, זאגט מען אבער אז ס׳איז קיין אונטערשייד ניט, וויבאלד אז ס׳איז נאך דא רגעים, ועאכו"כ כמה שעות, איז ברכתו ושכרו של הקב"ה איז ("אלקים <u>מלכי</u>) מקדם", אז וויבאלד אז דער אויבערשטער איז דער מלך פון יעדער אידן, וכמדובר כמ"פ אז דער יחס ושייכות וקשר פון א מלך מיט בני המדינה, איז ניט נאר וואס אשר יוציאם ואשר יביאם (פינחס כז, יז), אז ער פירט מיט זיין אן און מאכט א סדר בחייהם, נאר די גאנצע מציאות פון דער מדינה מיט אלע אידע מענטשן מיט אלע אידע פרטים, איז דאס איז דער מציאות און דאס הייגנט אין גאנצן אפ אין דעם מלך,

ווארום "מלכותא דערעא כעין מלכותא דרקיע": אזוי ווי פון ספרי׳ המלכות איז נתהווה געווארן כל המציאות כולה, ובלשון הרמב"ם (הל׳ יסוה"ת פ"א ה"א): "לידע שיש שם מצוי ראשון" [וואס "מצוי" (דאה ג"כ שיחת י"ט כסלו, ש"פ וישב, וש"פ מקץ ה׳תשל"ה) איז ניט שייכות זאגן אויף ז"א, נאר דארט וואו ס׳איז שייכות דער ענין פון בריאה, וואס דאס איז ספי׳ המלכות (נאר בל׳ הרמב"ם, איז דאס "לידע" - אז מ׳פארשטייט מיט שכל אז ס׳איז דא דער מצוי ראשון)], "והוא ממציא כל נמצא", איז ער מולך אויף דעם מציאות, ווארום די גאנצע מציאות איז "לא נמצאו אלא מאמתת המצאו",

איז וויבאלד אז "אלקים <u>מלכי</u>" איז דאס גופא א הוכחה אז דאס נעמט זיך "מקדם", וכלשון הקבלה אז מלכות איז אין דדל"א, נאך העכער פון עתיקא, - העכער נאך פון שרש ז"א, ובפשטות איז דאס, אז וויבאלד אז ברה"ע איז יש מאין, מאכן פון לא דבר - דבר, איז דאס מער ניט ווי בחוך הבורא, נאר וויבאלד אז דערנאך ווערט עס אין א תואר נעמט עס אויף זיך

- דעם -

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

דעם תואר פון "מלכי",

וואס דער מלך דארף דאך פארזארגן כל אנשי המדינה וכל עניני המדינה בכל צרכיהם, איז ווייבאלד אז ער זעט אז מ'דארף האבן א ישועה "בקרב הארץ", רעכענט מען זיך לפי סדר השתלשלות, ווארום דאס איז א ענין אין "מקדם" - "פועלא סבא" וואס ער גרייט צו דעם שכר נאך פר דער פעולה.

מ'דארף נאר עס זאל זיין דער מכה בפטיש, ובלשון פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורינו - פארענדיקן דעם פוצען פון די קנעפלאך, ווארום מ'גייט ארויס צו דעם פאראד אויף מקבל זיין פני מ"צ, דוד מלכי, און "ודוד עבדי נשיא להם לעולם", מקבל זיין בשמחה ובטוב לבב, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים אין זמן חירתינו בגלוי, ובכל הפרטים, ומתוך חירות אויך אין די הכנה וכמדובר לעיל בארוכה "ובני ישראל יוצאים ביד רמה" אז נאך זייענדיק אין מצרים זיינען זיי שוין געשטאנען אין א תנועה פון יד רמה, און אין דער תנועה זיינען זיי ארויס געגייגען,

אט אזוי וועלן אידן שטיין מיט א שטארקייט און מיט א חירות וביד רמה - מיט א אויפגעהויבענע קאפ, מיט זייער אידישקייט, און דאס וואס זיי זיינען די כבשה א', איז וויסענדיק אז "אלקים מלכי מקדם" וועט זיין דער "פועל ישועות בקרב הארץ", ובעגלא דידן בשמחה וטוב לבב.

ג. ווי גערעדט פריער, שטייט מען דאך אין די טעג פון הכנה צו פסח, וואס פסח זיינען אידן געווארן א פאלק, וכמבואר בארוכה במפרשי התנ"ך אויף דעם קאפיטל (טז) אין יחזקאל וואו ס'רעדט זיך ווי אזוי עס ווערט געבארן א קינד. וואס יחזקאל זאגט דאס אלס א דוגמא ומשל אויפ'ן געבורט פון דעם אידישן פאלק, אז דאס גייט אויף דעם טאג און די צייט ווען אידן זיינען ארויס פון מצרים, וואס דעפאר ווערט אויך אראפגעבראכט אין סדר ההגדה דער פסוק "ואעבור עליך ואראך" (שם ו) - וואס דאס איז גענומען געווארן פון דעם קאפיטל, און וואס דאס גייט אויף דער צייט פון יצי"מ.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז יצי"מ (וואס דערמאנט אויף דעריוף וואס דער אידישער פאלק איז געבארן געווארן), איז בדוגמא ווי עס ווערט געבארן א קינד, דארף מען צוגרייטן אלע ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט דעם חינוך פון קינד בגשמיות -, חינוך הגוף, און דערנאך איז "קטן... יודע לדבר אביו לומדו תורה וק"ש" (סוכה מב,א) - דער חינוך אין ענינים רוחניים,

און ווי גערעדט כמ"פ אז דער חינוך פון אידישע קינדער הויבט זיך אן ט' חדשים איידער זיי ווערן נאך געבארן, וואס דורך דעריוף וואס דער פאטער מיט דער מוטער פירן זיך ע"פ תורה מיט טהרת המשפחה וכל הענינים, זיינען זיי ממשיך א נשמה קדושה, אדער א לבוש קדוש צו דער נשמה קדושה, ווי ער זאגט אין תניא (ספ"ב),

און אויפ'ן פשוט'ן לשון, איצטער זיינען שוין אלע מודה, אז די הנהגה פון דעם פאטער מיט'ן מוטער - איידער זי ווערט נתעבר מיט'ן קינד, האט א השפעה און א ווירקונג אין וואס פאר א אופן דער קינד וועט געבארן ווערן, און וואס פאר א גוף ער וועט האבן; א מבורר צי א מזוכך, און וואס פאר א רצונות ער וועט האבן.

און בשעת דער פאטער מיט דער מוטער פירן זיך ווי עס דארף צו זיין, בטהרה וקדושה, איידער זי ווערט נאך נתעבר - נאך פאר די ט' חדשים, איז אט דאס איז די התחלת החינוך פון דעם קינד, ער זאל אויסוואקסן אין אן אופן אז די עלטערן זאלן פון אים האבן אמת'ן נחת לאורך ימים ושנים טובות,

ווארום אפי' ווען דער קינד ווערט שוין דערנאך זעלבסטשטענדיק ע"פ

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u> - חורה -

תורה וע"פ אנושיות און ע"פ שכל, צי בן י"ג שנה ביי א אינגל צי בת י"ב
שנה ביי א מיידל (בת מצוה און בר מצוה), זעט מען דאך בטבע אז די
צוגעבונדקייט און דער נחת וואס עלטערן האבן פון קינדער איז דאס עד
מאה ועשרים שנה; ווי גרויס דער קינד זאל נים ווערן, פילן נאך אלץ
דער פאטער מיט דער מוטער דעם נחת גדול פון זייער הנהגה טובה וכו',
(און ח"ו פארקערט - אויב די הנהגה איז נים ווי עס דארף צו זיין).

וואס דערפאר איז פארשטאנדיק אז אויך די הכנה צו פסח איז פארבונדן
מיט חינוך, וכמדובר כמ"פ בארוכה, א נקודה עיקרית אין כללות הסדר איז
דער חינוך פון קינדער, ביז צו דעם חינוך פון תינוקות, כל' הגמ' (פסחים
קיד,ב), פון גאר קליינע קינדער, אז אויב מ'וועט פאר זיי נים מאכן
קיין ספיצעלע עצות, וועלן זיי אנשלאפן ווערן בתחלת הסדר,

און אז די קינדער, איז נים נאר וואס מ'נעמט זיי צום סדר און מ'זעט
זיי ארייך ציען אין דעם סדר, זיי זאלן פרעגן שאלות און זיי זאלן הערן
די תשובות וכו', אבער דאס איז א ענין טפל אין דעם סדר ד.ה. ער פראוועט
דעם סדר מיט גרויסע און דערנאך צים ער צו קליינע; אדער מ'זאל עכ"פ
זאגן אז ס'איז א ענין בשווה - פאר גדולים עם הקטנים גלייך,

זאגט מען ניין: דער גאנצער ענין פון סדר ווערט אנגערופן בשם
"הגדה", און פארוואס ווערט ער אנגערופן בשם הגדה - ע"ש "והגדה לבנך"
(פסחים קטו,ב) - אט דאס ווערט דער עיקר אין ענין ההגדה, און אין דעם
סדר, אין דער התחלה און דער יסוד פון גאנץ זמן חירותינו, פון גאנץ חגה"פ.

וואס דאס איז די הדגשה, וואס די הכנות צו פסח זיינען דאס נאך מער
מדגיש, וואס עס דארף זיין דער ענין עיקרי בתקופתינו זו - אין אונזער
צייט - אין יעדער מדינה, בפרט אין אזא מדינה ווי ארצה"ב, וואס דא איז
דאך היכולה ורשות נתונה לכל אדם, דא זעט מען בגלוי ווי אזוי א איד קאן
אויפהאדעוועו זיינע קינדער מיט די גרעסטע מאס פון יראת ה' און אהבת
ה', פון אהבת התורה און אהבת המצות, און קיינער וועט אים נים שטערן,
ואדרבה: מ'וועט אים נאך אפגעבן כבוד - אין די קרייזן וואס קאנען געבן
כבוד אמיתי, אע"פ וואס אין קרייזן וואס גיבן נים קיין אמת'ן כבוד
קאן זיין אז מ'וועט פון אים נים זיין צופרידן,

וואס דער חילוק צווישן אמת'ן כבוד און נים אמת'ן כבוד איז, וואס
אמת'ר כבוד איז כלשון הפסוק "שפת אמת תכון לעד" - אזא כבוד וואס מ'גיט
אים אפ היינט און מארגן און איבער מארגן - "לעד", איז א סימן אז דאס איז
אן אמת'ר כבוד;

אט דער כבוד וואס איז נים פארבונדן מיט ענינים פון תורה ומצוה,
איז אדער ער גיט דאס אים וויילע לפי שעה דארף ער צו דעם אנקומען, אדער
ער רעכנט אז לאחר שעה וועט ער דארפן אנקומען צו אים דערנאך אבער ווען
ס'איז בטל הדבר ווערט בטל הכבוד,

און ווי מ'זעט, אז בשעת א איד איז מחנך בניו ובנותיו על יסודי
התורה והמצוה, וואס דאס טראגט נים ארייך קיין זאך גלייך אין מזומן,
איז א סימן אז ער טוט דאס מצד דעם תוכן הדבר, און ער מיינט דאס מצד
דער טובה,

ווארום אפי' בנוגע צו זיך ושלעוועט מען אמאל א איבעריקע טרחה
און מ'באזארגט נים א מציאות בלתי מצוי; בשעת ס'קומט אבער צו קינדער
איז בטבע פון עלטערן אז זיי זשאלעווען נים קיין טרחה, און מ'באזארגט
די קינדער, נים נאר כדי צו באווארענען זיי פון א דבר מצוי, נאר פון
א זאך וואס איז א ספק וס"ס ומאה ספיקות - אפשר וועט עפעס טרעפן ח"ו,
באווארענט ער דאס שוין אין דעם חינוך פון קינד, אז דער קינד זאל

הנחת הת' בלתי מוגה — דערפאר -

דערפאר אויך ניט נתפעל ווערן, און ער זאל שטיין חזק באמונתו ובתורתו ובמדותיו, וואס דאס איז דאך דער ענין פון "אין אומתנו אומה אלא בתורתה" - דורך דערויף ווערט ער א איד, ווי א איד דארף זיין.

און בשעת מ'געפינט זיך אין אזא מדינה, איז דאך זעלבספארשטענדליך אז די ערשטע זאך וואס איז נוגע, וואס עלטערן דארפן טאן; וואס זיידע'ס און באבע'ס דארף'ן טאן; די ערשטע זאך וואס איז נוגע אט די וואס זיי אליין פעלט נאך אין אידישקייט (מאיזה סיבת שתהי'), עכ"פ זיי האבן ניט די שלימות וואס זיי וואלטן געדארפט האבן, וואס דעמאלט זיינען זיי אין א גדר פון א חינוך און א תלמיד בערך וביחס צו די ענינים וועגן וועלכע ער דארף ערשט לערנען,

וואס דאס איז דאך דער פירוש הפשוט פון "ושננתם לבניך - אלו התלמידים" (ספרי דברים ו,ז), אז דאס איז אן קיינע הגבלות: דער תלמיד קאן זיין אלט הונדערט און נייענצען יאר מיט דריי הונדערט פיר און זעכציק טעג, אבער וויבאלד אז ער האט נאך איין טאג צו לערנען, לויט דעם מספר פון מאה ועשרים שנה, איז אט דעם טאג וואס דער אויבערשטער גיט אים, דארף ער דאך לערנען, און "איזהו חכם הלומד מכל אדם", איז דער אדם וואס וועט מיט אים לערנען דעם פרט - זיין רבי ומלמד, און ער ווערט אנגערופן "אלו התלמידים".

און דערנאך זאגט מען, אז אויב ער געפינט ניט קיין רבי שילמדו תורה, דארף ער אליין הארעווען זוכן אין ספרים ביז וואנענט ער וועט אויסגעפינען אט די נקודה וואס אים פעלט,

וואס דאס איז דאך וועגן מ'רעדט אין אן אופן פון שכל, בשעת אבער מ'גיט א קוק די <u>מציאות</u>, זעט מען אז בשעת מ'טרעפט א אידן אין גאס און עס פעלט ביי אים א ענין פון אידישקייט, איז דאס ניט ח"ו וואס ער ווייס וועגן דעם און וויל דאס ניט מקיים זיין, נאר ער ווייס ניט פון דער מציאות, און ווי נאר מ'דערציילט אים פון אידישקייט און וועגן תומ"צ - וואס דאס איז דער אמת'ר ענין פון חינוך - כאפט ער זיך אן אין דעם, ווארום ער דערפילט אז דאס איז זיין עצם, זיין שרש ומקור אויף וועלכע צענדליקער דורות פון אידן האבן זיך מוסר נפש געווען במשך פון צענדליקער הונדערטער יארן,

און אז מ'זאגט דאס אים מיט א הארציקייט, דערפילט ער דאס, און ער איז שש ושמח לעשות רצון קונו אויף אפלערנען די זאך אין תורה, און לימוד מביא לידי מעשה (ב"ק יז,א) - אראפברענגען דאס דערנאך אין זיין טאג טעגליכן לעבן.

[ס'איז דאך א יום המעשה דארף מען זיך אויס היטן ניט אפ נעמען ביי אידן צופיל צייט, - אפי' אויף קריאת התורה זאגט מען (רש"י ד"ה ואין מגילה כא,א) אז פארוואס האט מען מתקן געווען אין ימות החול מער ניט ווי שלשה גברי דערפאר וואס ס'איז אין ימי המעשה, עאכו"כ בנוגע צו דברים הנאמרים - וועט מען ריידן עכ"פ די נקודה]:

דער אויבערשטער מאכט דאך לייכט די עבודה, אן קיינע נסיונות, אז מיט א קליינע אנשטריינגונג קאן מען אויפטאן אז מ'זאל אריינציען אלע אידישע קינדער, סיי אינגלאך סיי מיידלאך אין א חינוך על יסודי התורה והמצוה, ואין הדבר תלוי אלא ברצון, ס'איז דא גענוג געלט, און ס'איז א גרעסערע פלא - מ'קאן אפי' געפינען גענוג מלמדים און מלמדות, וואס זיי זאלן מיט זיי לערנען, ווארום דא רעדט זיך וועגן לערנען יסודות פון תורה ומצותי' וואס אויף דערויף קאן מען געפינען גענוג מלמדים ומלמדות, און דער עיקר - מדריכים ומדריכות, מ'דארף מערניט האבן דעם רצון ארויס גיין אין גאס און זוכן אידישע נשמות,

- און -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

און דעמאלט איז א זיכערע זאך, אז נים נאר די קינדער וועלן זיך אפ רופן און וועלן לערנען, נאר "והשיב לב אבות על בנים - ע"י בנים" (מלאכי ג,כד. רש"י שם) די קינדער וועלן פועל'ן ביי די עלטערן אז די עלטערן וועלן טאן מצדם וואס ס'הייבט אפ אין די עלטערן, אז די קינדער זאלן באקומען א חינוך על יסודי התורה והמצוה.

און דאס זעט מען אויך (ווי גערעדט פריער) א ווילדע זאך, וואס לכאורה איז דאס היפך פון ווי ס'האט געדארפט זיין, און דאס איז: דוקא אין די טעג וואס קינדער דארפן האבן די מדה הכי גדולה - די גרעסטע מאס - פון ערציאונג אין זאכן פון אידישקייט, זיי זאלן וויסן ווי אזוי צו פראוועון פסח, פון וואס מ'דארף זיך אפהיטן - די הל' החג, וואס אפי' אן ערוואקסענער דארף האבן אז שלשים יום לפני החג זאל א רב מיט אים לערנען די דינים,

אבער דער סדר אין וועלט איז,אז ווען ס'קומ'ט א וואך פאר פסח, און די וואס זיינען מהדר - צען טעג פאר פסח אדער נאך לייגער פארשליסט מען רעבאלט ר"ל די ישיבות חדרים און תלמוד תורה'ס און מ'שיקט אוועק די קינדער זיי זאלן גיין שפאצירן - ווילדעווען - אין גאס זיי שטערן דעם פאטער מיט דער מוטער; דעם פאטער אין זיינע הכנה צו פסח, די מוטער אין אירע הכנה צו פסח, און זיי - די קינדער - ווייסן נים וואס צו טאן מיט זייער צייט. וואס במקום זה, איז דוקא אין די טעג האבן זיי געדארפט האבן דעם שטארקסטן חינוך באווארענען את המעשה אשר יעשה ואלה אשר לא תעשנה.

און ווי געזאגט פריער, אז דאס איז די מצות וואס א קינד האט אין דערויף חיות, ווארום ער דערפילט אז ווען ס'קומט דער סדר ווערט ער א גאנצער "בעה"ב", ער פרעגט די קשיות און אלע ארום אים זיצן און שווייגן און הערן זיך איין וואס ביי אים א קשיא, דערנאך זעצט זיך אוועק דער בעל אכסניא, דער פאטער, און איז אים מסביר לויט זיין פארשטאנד די תירוצים אויף די קושיות, דערנאך נעמט ער דעם אפיקומן כו' און באקומט דערפאר מתנות, ס'איז א גאנצער פאראד, א יו"ט פאר די קינדער, מערנים אז מ'דארף די קינדער צוגרייטן פאר דעם, אז זיי זאלן אין דערויף פארכאפט ווערן, און נים אז ווען ס'וועט קומען צום סדר וועט מען דארפן זוכן עצות ער זאל נים אנשלאפן ווערן, נאר מ'וועט אים צוגרייטן נאך מיט שלשים יום לפני החג, עכ"פ מר"ח - יכול מר"ח", עכ"פ פון שבוע שחל בו יום ראשון של פסח - ליל הסדרים,

ועכ"פ, אפי' אויב די חדרים צו די תלמוד תורה'ס צו די ישיבות זיינען נים אלע כתות אפען זיינען דאך זיכער דא אזוינע וואס ביי זיי איז טייער יעדער שעה וואס מ'קאן איינפלאנצן אין א אידיש קינד אידישקייט, אויף אויסניצן אט די עטליכע טעג, צי דורך די וואס לערנען מיט זיי כל השנה כולה, אדער דורך א פנים הדשות, אדער אז מ'וועט ספיצעל ארויסגיין מיט א שטורעם, אז מ'זוכט מדריכים און מדריכות וואס זאלן גיין קלייבן אידישע קינדער און לערנען מיט זיי דעם סיפור פון יצי"מ וואס די קינדער וועלן דאס דארפן דערנאך דערציילן צו ליל הסדרים, זיי זאלן דאס וויסן בשפת המדינה, און אויך לערנען מיט זיי הל' פסח, און אריינציען זיי אז זיי זאלן גרייטן דעם פסח מיט נאך א גרעסערע התלהבות ווי די עלטערן,

און דעמאלט איז א זיכערע זאך אז דאס וועט זיין בהצלחה רבה, און פונקט אזוי ווי ס'איז געווען ביי יצי"מ אז "הם הכירוהו תחלה" (סוטה יא,ב.ועוד) בעת קרי"ס, דערפאר וואס נאך זייענדיק אין מצרים האבן זיי זיך געטראפן מיטן אויבערשטן, און דער אויבערשטער האט זיי געגעבן "דבש

<u>הנחה הת' בלתי מוגה</u> - מסלע -

מסלע ושמן מחלמיש צור", און ווי ער טייטשט אפ אז דער אויבערשטער אליין האט זיי געשפייזט זייענדיק בשדה, "כצמח השדה נתתיך",

אט אזוי אויך - אפי׳ ווען ס׳פעלט נאך אין ישוב; אז יעדער אידישע הויז זאל שטיין אין א מצב של ישוב - דורכגעדורנגען מיט אידישקייט, מיט תורה ומצותי׳, און עס האט נאך אין כמה פרטים אן אויסזעהן פון א פעלד, איז די קינדער האבן א פארבינדונג מיט׳ן אויבערשטן אליין,

מערניט אז דער פאטער מיט דער מוטער, אחיו הגדול אדער אחותו הגדולה, און יעדער מדריך ומדריכה קאנען האבן דעם זכות אויף צוציען דעם קינד, אדער אריינציען אים טיפער אין אידישקייט, אין די לעצטע טעג פון גלות האחרון, וואס ער איז בדוגמא פון גלות מצרים, און ער זאל דערפילן דעם "בר"ה בטלה עבודה מאבותינו במצרים" (ר"ה יא, רע"א), און ער זאל דערפילן אז ער שטייט שוין "ביד רמה",

און דא מיינט מען ניט קיין דרשות, נאר ווי געזאגט פריער, לערנען מיט זיי אז אין פיר טעג ארום דארף ער פרעגן, צי - דארף זי פרעגן, די פיר קושיות, און דערנאך זאל מען זען, אז מ׳זאל טאקע ערקלערן דעם תירוץ אין אן אופן אז עס זאל פארענטפערן די קושיות,

און גרייטן זיך צו א כשר׳ן און פריילעכען פסח, וואס דעמאלט וועט זיין די הכנה קרובה צו "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות", בביאת משיח צדקינו בקרוב ממש.

ד. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה והגדת לבנך גו׳.

ה. בהמשך להאמור (שיחה ג׳) וועגן דער חשיבות, וויכטיקייט, חיוניות, און אויף וויפיל ס׳איז נוגע דער ענין החינוך, איז דאס אויך פארבונדן, און דאס איז איינע פון די טעמים, פאר וואס מ׳רופט דאס אן בשם„מבצעים",

וואס דער סדר אין דעם איז, אז ס׳זאל זיין דוקא אן ענין של מעשה; און אפי׳ ווען מ׳דארף ריידן וועגן לימוד התורה, וואס דאס איז תכלית הרוחניות, ביז אז "היא חכמתכם ובינתכם (אפי׳)לעיני העמים"(דברים ד,ו) זאל דאס זיין אין אן אופן, אז דאס זאל זיך אנזען, און זאל זיך ווארפן אין די אויגן בעיני בשר, און ארויס גיין ברחובה של עיר און ריידן דארטן וועגן די וויכטיקייט פון לערנען תורה,

וואס דאס איז בדוגמא ווי מ׳זאגט (בהמאמר) אז בשעה ס׳דארף זיין דער תיבור ("צוה") פון "ה׳ אלקינו" און "אותנו" איז דאס דוקא דורך "העדות והחוקים והמשפטים" - דברים גשמיים,

ובפרט נאך אז מ׳דארף דערנעמען <u>אלע</u> אידן, אז קיין איין איד זאל ניט בלייבן אין גלות, דארף מען פועל׳ן אפי׳ אויף דעם מטה מטה, וואס אים קאן מען נעמען דורך דערויף וואס ס׳ווארפט זיך אין עיני בשר, און "<u>ונשמע קולו</u> בבואו אל הקודש", (תצוה כ"ח,לה) אז מ׳דער הערט אז ס׳קלינגט א גלעקל, און דערנאך ווערט דורך דעם "בבואו אל הקדש" - אז מ׳נעמט אריין דעם אידן, און דורך דעם די ב"ב זיינע ומשפחתו אל הקודש פנימה,

בדוגמא ווי בנוגע דעם ענין כפשוטו האבן דאך די פעמוני זהב ורימון אנגעהויבן קלינגען נאך <u>אידער</u> מ׳איז אריין אין קדש - בשעת מ׳האט אנגעטאן די בגדי כהונה, וואס דאס האט דאך ניט געדארפט זיין אין עזרה, און עאכו"כ ניט אין אולם והיכל, נאר דוקא אין א מקום צנוע, איז שוין דארטן גלייך ווען ער האט זיך גערירט פון דעם ארט וואו ער האט אנגעטאן דעם מעיל - איז שוין געווארן "ונשמע קולו", ווארום ער <u>גייט</u> "אל הקודש";

עד"ז האט מען דערפון די הוראה (ווארום תורה איז דאך נצחית (תניא פי"ז)) אז ס'איז דא אמאל ווען ס'איז פארבונדן מיט קדשי קדשים וואס דארטן איז ניט קיין בגדי זהב, - ואדרבה: עס שטייט אין מדרש (ויק"ר פכ"א,ט) אז דארט האט ניט געטארט זיין בגדי זהב - איז אויך ניט געווען קיין פעמוני זהב, ובמילא איז דאדט ניט געווען דער "ונשמע קולו", נאר דוקא בחשאי, כמבואר און גערעדט פריער (שיחת ש"פ זכור, פ' תצוה, ה'תשל"ה) אבער בשעת מ'דארף ערשט אנטאן בגדי כהונה יעדער אידן, [וואס יעדער איד איז דאך איינער פון "ממלכת כהנים" (יתרו יט,ו)] הויבט מען אן מיט דאס וואס מ'גרייט פאר אים צו א בגד פון פעמוני זהב - "ונשמע קולו",

און דורך דערויף צייט מען אים אריין אין מבצע תורה - אין לימוד התורה; אין מבצע תפילין - הנחת תפילין; אין קביעת מזוזה; אין מבצע צדקה - וואס שקולה צדקה כנגד כל המצות; ביז וואנען אז ס'ווערט א "בית מלא ספרים", "און יבנה וחכמי'" (ראה גיטין נו,ב),

ביז אז מ'קומט צו צום תכלית העיקר - מאכן ליכטיק דעם חשך הגלות, און מאכן פון דער וואכעדיקייט פון גלות, וואס דאס איז בדוגמת ימי החול, אז דעמאלט צינדט מען אן די נרות שבת, און דורך דערויף מאכט כנסת ישראל - (וואס זי איז בדוגמת אשה לבעלה) ליכטיק; וואס יעדער אידישע פרוי, אפי' א אידישע טאכטער גלייך ווי זי ווערט געבארן, ווערט דאס געבארן א "אשה", [וואס זי ווערט מיט דער צייט ווערן "חכמת נשים בנתה ביתה", (משלי יד, א)] הויבט מען איר גלייך אן צו מחנך זיין, אויף מאכן ליכטיג ארום זיך - גלייך ווי זי איז נאר שייך עפעס צו פאדשטיין דעם תוכן פון ליטיקייט און דער תוכן פון דער ברכה, - איז מען איר מחנך אז זי זאל זיין אט די וואס צינדט אן נרות ש"ק ויו"ט,

ובפרט איצטער, איז דאך דאס נוגע צו נרות יו"ט פון ערב פסח און די עדשטע טעג פסח, וואס דעמאלט ווערט דאך יעדער אידישע טאכטער מאכן דאס מיט א ברכת "שהחינו וקיימנו והגיענו לזמן הזה", און דערנאך אויף מארגן נאך אמאל, און דערנאך, גלייך נאך דערויף, לויט קביעות ש.ז. שבת; דריי נעכט נאכאנאנד, אנצינדן ליכט, און מאכן נרות של מצוה, און מאכן דערפון ליטיק ארום זיך, ווערט דאס ווערן - בהלתא זימני הוי חזקה, אז ס'איז ליכטיק ביי אט דער אידישער טאכטער און ארום איר, אין דעם גאנצן בית,

און דערנאך בתוככי כלל ישראל - ווערט דאס ליכטיק מאכן די לעצטע טעג און רגעים פון חשך הגלות, און ס'וועט ווערן דער שלום בית בין איש לאשתו, וואס דאס גייט אויף דעם אויבערשטן מיט כנסת ישראל [ווי ער זאגט אין כתבי האריז"ל]

אז ס'ווערט שלום בית, איז דאך א זעלבסט פארשטענדליכע זאך, אז "אשה כשרה...עושה רצון בעלה", (תדב"א פ"ט) און דער בעל איז מקיים דעם ציווי אז ער גיט איר אלע תכשיטים, "ומכבדה יותר מגופו" (ראה יבמות סב,סע"ב), עאכו"כ אז ער נעמט איר ארויס פון "שוקא דבורסקי" [ווי ער זאגט אין זהר ס"פ בחוקותי תלכו ואת מצותי תשמרו], און נעמט איר אריין אין "פלטרין של מלך" - ממ"ה הקב"ה, וואס דאס איז ארץ הקודש, וואס "תמיד עיני ה"א בה מרשית השנה ועד אחרית שנה", ומתוך שמחה וטוב לבב.

ו. מ'האט דאך גערעדט אז אזוי ווי ס'איז א יום המעשה דארף מען ניט אפהאלטן אידן צו לאנג, במילא וועט מען פארענדיקן מיט נאך א מבצע, און אזוי ווי דאס איז ענין שהזמן גרמא במיוחד, האט מען וועגן אים ניט געוואלט רעדן צוזאמען מיט די פריערדיקע מבצעים, וואס פירן זיך שוין א לייננגערע צייט,

- און -

<u>הנחה הת' בלתי מוגה</u>

און דאס איז: דער מבצע וואס איז פארבונדן מיט חגה"פ, זמן חירותינו - דער מבצע פון טיילן מצה שמורה, און אויך דערציילן וועגן די הקדמה לזה - מכירת חמץ, און בכללות, די דינים וואס זיינען פארבונדן מיט א כשר'ן און פרייליכן פסח, בכל מקום שידו מגעת,

ביז וואנענט אז אין יעדער אידישער הויז וועט זיין א כשר'ער פסח און א ליכטיקער פסח, און א פריילעכער פסח, וועט דאס ברייננגען חירות נאך השתא וואס אכתי עבדי אנן, און דאס וועט ברייננגען גלייך נאך דעם, דעם "מיד הן נגאלין", וועט בדרך ממילא זיין דער "לשנה הבאה בני חורין", און "לשנה הבאה בארעא דישראל",

און דאס וועט זיין אין אזא מעמד ומצב אז גאנץ א"י השלימה בכל פרט ובכל ענין שבה, ביז כפשוטו אין יעדער שעל - ווי מ'רופט דאס דארטן אן - וועט געהערן בגשמיות ובפשטות צום אידישן פאלק, ווארום דאס איז א ארץ וואס "תמיד עיני ה"א בה מרשית השנה ועד אחרית שנה", און ס'איז א לאנד, וואס כל עמי הארץ, (ניט קוקנדיק וואס ס'איז זייער יחס צו אידן און אידישקייט) רופן דאס אן בשם "ארץ הקודש", וואס דאס איז פארבונדן מיט'ן פסוק מפורש (ווי גערעדט פריער) אז "תמיד עיני ה"א בה מרשית השנה ועד אחרית שנה",

און הלואי וואלט מען מלכתחילה געקומען מיט אט דער טענה צו כל עמי הארץ, אז ביי זיי אין אלע שבעים לשונות ווערט א"י אנגערופן בשם "ארץ הקודש", וואס דער איינציקער טעם האמיתי בזה איז (אפי' לשיטתם) דערפאר וואס דאס איז די לאנד, וואס דער אויבערשטער האט כורת ברית געווען מיט אברהם ולזרעו אחריו עד עולם, און האט געזאגט אז דאס איז א לאנד וואס דארט זעט זיך געטליכקייט מרשית השנה ועד אחרית שנה.

איז דאס פסק'נט אפ יעדער פאלק און יעדער ניט איד וואס רופט דאס אן בשם "ארץ הקודש", ווי ער זאל דערנאך ניט וועלן פארדרייען דעם פשט, איז ער אליין מודה מיט די ווערטער, אז דאס געהערט צו עם קדוש, צו דעם "גוי אחד בארץ", וואס מאכט פון ארץ א ענין של אחדות, און "הודאת בע"ד כמאה עדים".

וכאמור הלואי וואלט מען מלכתחילה געקומען מיט דער טענה, וואלטן שוין לאנג בטל געווארן די אלע בלבולים און שוועריקייטן, וואלט מען ניט געקומען ר"ל צו דעם מעמד ומצב פון איצטער.

ס'איז דאך אבער ישועת ה' כהרף עין, און ס'איז א זיכערע זאך אז אידן וועלן תשובה טאן, וכל' הרמב"ם (הל' תשובה פ"ז ה"ה) "הבטיחה תורה שישראל עושיה תשובה", און נאך איידער מ'וועט קומען צו אנדערע ענינים, וועט מען מכריז זיין גלוי לעין כל, אז א"י געהערט צו עם ישראל, דערפאר וואס עם ישראל איז פארבונדן מיט תורת ישראל, דערפאר וואס תורת ישראל איז געגעבן געווארן פון אלקי שיראל - פון דעם אויבערשטן, וואס ה' אחד ושמו אחד",

וועט זיין דער„אמת מארץ תצמח", און ס'וועט זיין דער אמת'ער כי מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים", וועט פון דארט ארויס דער קול צו אלע פעלקער, ועאכו"כ צו אידן, אז מיר האבן א הייליקע לאנד, און א הייליקע תורה און הייליקע מצות, און יעדערער פון אונז געהערט צום הייליקן פאלק ישראל, במילא דארף ער לערנען די הייליקע תורה, און מקיים די הייליקע מצות,

און הגם אז דערווייליע קאן מען נאך ניט פועל'ן ביי זיך מקיים זיין אלע מצות, איז ער מקיים איינע, צוויי, דריי, צען מצות, און ער

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u> - האט -

האט די הבטחה פון "מצוה גוררת מצוה" (אבות פ"ר מ"ב), ביז וואנענט ער ווערט "מלאים מצות כרמון" (מגילה ו,א),

און דערנאך ווערט דער "פעמון זהב ורמון פעמון זהב ורמון", אז ס'ווערט "ונשמע קולו" אז דער אידישער פאלק איז "בבואו אל הקודש" (תצוה כח,לה), ער גייט אין ארץ הקודש מיט משיח צדקינו, בדרכי נועם, "ושמחת עולם על ראשם",

און (ווי געזאגט פריער) אין ארץ השלימה, דורך תורה שלימה, דורך דעם שליכוה העם, און שלימות הגוף והנשמה גם יחד, ומתוך שמחה וטוב לבב.

אויף א התחלה טובה, ובפרט אז מ'שטייט אין די הכנות און אין אנהויב'ס פון זמן חירותינו, און ווי גערעדט שבת, וואס דער אלטער רבי פסק'נט אפ אין שו"ע (ר"ס ת"ל) אז פון שבת הגדול הויבן זיך אן די ניסים און די גאולה וישועה פון חגה"פ, איז דאך גדולה צדקה שמקרבת את הגאולה" (ב"ב י"ר,א) און "שקולה צדקה כנגד כל המצות"(שם ט, סע"א), און מ'זאגט דאך "ציון במשפט תפדה ושבי' בצדקה",

וועט מען איצטער געבן יעדערן וואס וויל נעמען די שליחות צו צוויי שטרות; איינע אפגעבן בשליחותי אויף מעות חיטים (וואס דאס איז דאך א ענין שהזמ"ג, וואס דאס איז פארבונדן מיט פסח במיוחד, נוסף אויף שאר כל ששת המבצעים ווי גערעדט פריער); און א צווייטן שטר אויף טאן מיט דעם כרצונו - בייטן, ניט בייטן, געבען אויף צדקה מדילי' וכו',

און טאן אין די אלע ענינים מתוך שמחה וטוב לבב, ביז אז "שמחה פורץ גדר", וועט דאס פארברעכנען די גדרים און די שיריים פון די ווענט פון גלות, און מ'וועט דעמאלט דערזען אז מ'האט די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקינו היום ממש, ביום הזה, און מ'וועט זען דעם "ונגלה כבוד ה' וראו כל בשר יחדיו כי ה' דבר", ובעגלא דידן.

כדי ס'זאל זיין דער ענין אין אן אופן מסודר, און כדי וואס האבן שוין אנגעהויבן אין דער מצוה פון מפיץ זיין יהדות און די מעיינות במיוחד, אנהויבנדיק פון די ששת מבצעים, און אויך פון דעם מבצע פון חגה"פ, איז אט די וואס האבן זיך אין דעדויף משתתף געווען זאלן צוגיין א הערצו, און זיי וועלן זיין די שלוחים אויף ממשיך זיין אויך אין דעם מבצע, אויף פאנאנדער טיילן יעדערן די צוויי שטרות, און זעלבסט פארשטענדליך נעמען פאר זיך אויך - "מצוה בו", וכאמדו לעיל - מתוך שמחה וטוב לבב.

ס'זאל זיין מיט א סדר מסודר, און קיינער זאל ניט נעמען מער ווי צוויי שטרות, דערפאר וואס דא איז ניט דער ענין פון כמות, דא איז דער ענין פון איכות.

ז. ס'האט זיך גערעדט כמ"פ, אז לויט דער תורה פון דעם אלט'ן רבי'ן (ספה"ש תש"ב ע' 30 - 29) פארבינדט מען מיט דער פ' השבוע. וואס דער היינטיקער שיעור חומש - יום הראשון (דפ' שמיני) איז דאך "ויהי ביום השמיני", און אין ענינים פון קדשים איז דאך„הלילה הולך אחר היום" (חולין פג,סע"א), ובפרט אז ס'איז נאך פאר חצות לילה.

וואס אויף "ויהי ביום השמיני" בדריינגט רש"י גלייך אראפ, אז "אותו היום נטל עשר עטרות", און דער פידוש אויף דעדויף איז, ווי ער זאגט אין לקו"ת, אז "שמיני" - וואס אין ספירות איז דאס ספירת הבינה - איז כולל אין זיך אויך די ג' ראשונות וואס דערפאר איז"נטל עשר עטרות".

און עד"ז איז אויך בפשטות הענינים: ספירת הבינה איז דאך "עלמא דחירו"; איז בשעת א איד שטייט אין א מצב פון חירות, און אין אמת'ר חירות, איז ער אין זיך כולל אלע מעלות, און קאן דורכפירן אלע שליחות'ן וכו'.

און חרות הויבט זיך אן פון כל העוסק בתורה, וואס דעמאלט זאגט די ברייתא (בלשון המשנה) אין אבות (פ"ו מ"ב) אז "אין לך בן חורין אלא מי שעוסק בת"ח", אז יעדער איד קאן ווערן א בן חורין; כאטש מ'געפינט זיך נאך אין מיטן טיפעניש פון גלות,"בקרב הארץ" - אעפ"כ שטייט ער דארטן אין א מעמד וואס תורת אמת זאגט אז ער איז א בן חורין. און דערפון איז פארשטאנדיק וואס ער קאן אויפטאן בשעת ער האט אויף זיך ניט קיינע מדידות והגבלות.

און דערפאר איז דער ענין וואס מ'טומלט אזוי, און מ'בעט און מ'זאגט און מ'שטורעמט אז עס זאל זיין דער ענין פון מבצע תורה, ביז וואנען אז עס זאל זיין בית מלא ספרים, און אין די ספרים זאל מען טאקע אין פועל ממש לערנען און דאווענען, ביז וואנען אז ס'וועט ווערן "יבנה וחכמי'" אין יעדער אידישע הויז,

און דעמאלט, וויבאלד אז אורייתא וקוב"ה כו"ח, איז דורך תורה ווערט א איד - "ישראל אורייתא וקוב"ה כו"ח", וואס דאס איז נאך מערער ווי דאס טוט זיך אויף דורך מצות, וכמבואר בתניא (פ"ה, כ"ג) בארוכה, ובפרט נאך בתחלתה (פ"ה) ווי אזוי דאס איז א "יחוד נפלא".

און דער ענין כפשוטו: יעדער איד האט דאך זיכער געהאט א קביעות עתים בתורה ביז איצטער, זאל ער מוסיף זיין בזה כהנה וכהנה, און טאן דאס מתוך מצב של חירות, ניט רעכענען זיך מיט'ן "מלך זקן וכסיל" וואס וויל ארויפוווארפן אויף אים זיין עול,

און דעמאלט ווערט ער זיכער אז "בראתי יצה"ר ובראתי לו תורה תבלין" (קידושין ל,ב), און ווי ס'שטייט דער פירוש אויף דערויף, אז פונקט אזוי ווי תבלין זיינען מַמְתִּיק את המאכל, זיי מאכן זיס און געשמאק דעם מאכל, אז ס'זאל ווערן א מאכל טוב ונעים, נאך מערער ווי סתם א מאכל, איז אזוי אויך פועל'ט מען אויף דעם "ואהבת....בכל לבבך" - "בשני יצרך" (ברכות פ"ט מ"ה),

ביז וואנען אז מ'קומט צו "בכל מאדך" - אז דער אויבערשטער גיט כפשוטו - "ממנוך" מידו המלאה הפתוחה הקדושה והרחבה, און א איד נוצט אויס די געלט אויף דינען דעם אויבערשטן בכל מאדך - בכל ממונך, ביז אין אן אופן פון בכל מאדך, למעלה ממדידה והגבלה,

און דאס ברענגט אים צו "טובה הארץ מאד מאד" (שלח יד,ז) - צום באקומען דעם נחלת עולם פון ארץ הקדושה לעם קדוש, בקרוב ממש, בביאת משיח צדקינו יבוא ויגאלנו ויולכינו קוממיות לארצנו, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים.

(צוה לנגן ופרצת, אני מאמין).

(שיחה ח' בביאור דיוק הרמב"ם (הל' חומ"צ פ"ז ה"ו) חייב אדם לְהַראות א"ע כו' יו"ל בפ"ע. בסיום השיחה אמר כ"ק אדמו"ר שליט"א):

....ויה"ר,כלשון הידוע וואס מ'זאגט פון בעל חודת חסד, [וואס ער איז געווען א תלמיד פון דבותינו נשיאינו], אז בשעת מ'האט זיך גע'פלפול'ט וועגן "זכר עמלק" צי מ'דארף זאגן זכר (בצירי) אדער זכר (בסגול) האט ער מסיים געווען: זכר (בסגול) זכר (בצירי) - אבי גוט אפגעמעקט, אזוי זאל אויך זיין מחייה זרעו של עמלק, וואס "מלחמה לה' בעמלק מדור דור", ובמילא

הנחת הת' בלתי מוגה - ועאכו"כ -

(ועאכו"כ - ווארום דאס געהערט מערניט ווי צו אידן) ווען בטל ווערן
דער גאנצער בלבול מיט׳ן ענין פון "מיהו - יהודי", און מ׳ווייס אז א
יהודי איז דער וואס ווייס אז "הכסא שלם" און "שם שלם", און ווי ס׳איז
געווען ביי יצי"מ, ועד"ז "כימי צאתך מארץ מצרים" - שני קצוות: יעדער
איד וועט ארויס פון גלות, ווי עס שטייט אין אגה"ת מהדו"ק פון דעם
אלט׳ן רבי׳ן, וואס ער ברייגנגט דארטן א נפלא׳דיקן ווארט, אז א איד ווי
ער זאל ניט זיין און אין וואס פאר א מעמד ומצב ער זאל ניט שטיין, אפי׳
אין תחתית המדריגות - א פושע, ווערט ער אנגערופן "פושעי ישראל" א גוי
ווי הויך ער זאל ניט שטיין ביז וואנען ווי דער רמב"ם פסק׳נט אפ (הל׳
תשובה פ"ג ה"ה) אז יש לו חלק לעוה"ב, ווארום ער איז פון די חסידי אוה"ע,
ער ווערט אבער אנגערופן "(חסידי) אוה"ע".

און דאס טוה מען זיי ניט קיין טובה, אז מ׳שלעפט זיי ארויס פון
"חסידי אוה"ע" און מ׳מאכט פון זיי ר"ל א ענין של תקלה פאר אידן, א ענין
של תקלה פאר זיי; דאס איז א ענין היפך התורה, וואס מ׳טוט דעם גוי,
עאכו"כ כללות בנ"י.

און בשעת מ׳וועט מבטל זיין דעם "עמלק" - בגימטריא "ספק", און
מ׳וועט מבטל זיין דעם "אשר קרך בדרך", אט דאס וואס ס׳איז נאך דא ערגעץ -
וואו פארוואלגערט א קרירות, א קאלטקייט צו ענינים פון ה׳ ותורתו, און
ארץ הקודש, און עס קדוש, וועט דעמאלט זיין ביידע זאכן, דער "מחה תמחה"
ווי יעדער איד טוט, און דעמאלט וועט מען זוכה זיין צום קיום פון די
שלש מצות (ראה סנה׳ כ,ב), אז יכנסו לארה"ק, וימנו מלך - מלכא משיחא,
וילחום מלחמת עמלק וינצח (צוזאמען מיט (וואס דאס איז נכלל אין) ילחום
מלחמת ה׳ וינצח), און דערנאך וועט זיין דער בנין בית הבחירה, ובלשון
הרמב"ם: יבנה מקדש במקומו, ובקרוב ממש.

(התחיל לנגן אני מאמין).

די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה וועלן מן הסתם ניט פארגעסן
צו מאכן א ברכה אחרונה, און מ׳זאל בקרוב זוכה זיין "לאכול מפרי׳ ולשבוע
מטובה" בביאת משיח צדקינו.

* * *

הנחת הח׳ בלתי מוגה